**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול האט געמאלדן די עפענונג פון $27.5 מיליאן וואסערטאון פאמיליע YMCA אין דזשעפערסאן קאונטי

### *נייע פאסיליטעט פארברייטערט פראגראמירונג און סערוויסעס צו בעסער העלפן איינוואוינער אין די קאמיוניטי*

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון די נייע $27.5 מיליאן וואסערטאון פאמיליע YMCA אין דזשעפערסאן קאונטי די נייע פאסיליטעט האט איבערגעמאכט א ליידיגע, 89,000-סקווער פיס געביידע אין הארץ פון דאונטאון וואסערטאון צו א פאמיליע וואוילזיין, אקוואטיקס און פיטנעס צענטער וואס וועט בענעפעטירן איינוואוינער און דערנעבנדע קאמיוניטיס. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט געשטיצט די פראיעקט מיט א $3.6 מיליאן קאפיטעל גרענט צו העלפן מיט אויפבויען און איבערמאכן קאסטן.

"די פארענדיגונג פון די וואסערטאון YMCA איז די דערגרייכונג פון פילע אנגייענדע, סטראטעגישע אינוועסטירונגען דורך ניו יארק סטעיט איבערצומאכן דאונטאון וואסערטאון וואס בלאזט אריין נייע לעבהאפט אין די קאמיוניטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די עפענונג פון די נייע און מאדערנע פאסיליטעט איז נאך א וויכטיגע מילשטיין אין די פרישע טויש וואס וועט העלפן איבערפרישן און וואקסן דאונטאון וואסערטאון, יעצט און פארן צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנער האופ קנייט האט געזאגט,** "די נייע וואסערטאון פאמיליע YMCA איז גרייט צו ווערן א וויכטיגע אנקער אין דאונטאון וואסערטאון, צושטעלנדיג איינוואוינער א צענטער וואס וועט ברענגען נייע לעבן צו די קאמיוניטי. די נייע מאדערנע פאסיליטעט וועט ווייטער ברענגען ענדלאזע בענעפיטן צו א נייע דור פון פאמיליעס טיף אריין אינעם צוקונפט."

**YMCA CEO דעניס יונג האט געזאגט,** "מיר בלייבן אזוי דאנקבאר פאר די שטיצע וואס מיר האבן באקומען צו מאכן די פראיעקט אווירקליכקייט פאר אונזער קאמיוניטי. דאס איז נישט וועגן א געביידע, אבער וואס וועט פאסירן אין דעם, פארבעסערנדיג לעבנס פאר די נעקסטע פינף דורות."

די וואסערטאון פאמיליע YMCA האט פארגעשלאגן בענעפיטן אזוי ווי שווימען און עקסערסייז קלאסן, און א צאל פון נאך-שולע עדיוקעישענאל פראגראמען פאר די סיטי פון וואסערטאון און דערנעבנדיגע קאמיוניטיס פאר איבער א יאר הונדערט. די נייע און מאדערנע פאסיליטעט פארברייטערט אויף אירע טראדיציאנאלע פראגראמירונג נאכצוקומען די פארשידנארטיגע געברויכן פון די קאמיוניטי און וועט האבן איינריכטונגען אזויווי לעפ און פארוויילונגס שווים באסיינען, אן אינעווייניגע טרעק, מולטי-ספארטס קאורטס, עקסערסייז סטודיאס און א וואוילזיין צענטער ווי אויך קאמיוניטי צומערן, טשיילדוואטש און קינדער אדווענטור ערטער, ארט פלאץ און א פלאץ פאר צענערלינגען. די נייע לאקאציע האט מער ווי

350 פאבליק פארקינג פלעצער און האט מערערע אריינגאנג און ארויסגאנג פלעצער. אויך, טוט די נייע YMCA קאמיוניטי צענטער פארשענערן די סיטי פון וואסערטאון'ס דאונטאון איבערבויען איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), דערביי פארזיכערנדיג די Y'ס לעגאסי אלץ אן אנקער אין דאונטאון וואס וועט ווייטער בענעפעטירן די גאנצע קאמיוניטי.

מען האט אויך געשאנקן פאר די פראיעקט א 9$ מיליאן U.S. דעפארטמענט פון דעפענס גרענט פון די דעפענס קאמיוניטיס אינפראסטרוקטור פילאט פראגראם צו שטיצן מיליטערישע פאמיליעס ביי פארט דראם.

**אסעמבלי-מיטגליד סקאט גרעי האט געזאגט,** "היינט צייכנט אפ אן ערנסטע מילשטיין פאר וואסערטאון און דזשעפערסאן קאונטי ווען די גאר נייע וואסערטאון פאמיליע YMCA ווערט אנטפלעקט. די פאסיליטעט וועט נישט נאר צוריקברענגען לעבן צו אן אמאליגע ליידיגע געביידע געדענקט דורך פילע אלץ די "הארוועסט הויז" אבער אויך פארברייטערן וויכטיגע וואוילזיין, פארוויילונג און עדיוקעישענאל פראגראמען נאכצוקומען די פארשידנארטיגע געברויכן פון אונזער קאמיוניטי. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס הילף איז געווען גאר וויכטיג צו מאכן די פראיעקט א ווירקליכקייט. די YMCA וועט דינען אלץ א פלאץ פון געזונט, עדיוקעישאן, און קאמיוניטי לעבהאפט אין די הארץ פון דאונטאון וואסערטאון, פארשטארקנדיג די אנגייענדע דאונטאון איבערבויען איניציאטיוו און בענעפעטירן צוקונפטיגע דורות."

**דזשעפערסאן קאונטי באורד פון לעגיסלאטורן טשעיר וויליאם וו. דזשאנסאן האט געזאגט,** "וואס פאר א וואונדערבארע טאג פאר די YMCA, די סיטי פון וואסערטאון און דזשעפערסאן קאונטי. די הערליכע געביידע איז א באווייז צו וואס קען פאסירן ווען אלע שטאפלען פון רעגירונג ארבעטן צוזאמען. איך בין צופרידן אז דזשעפערסאן קאונטי האט געקענט שפילן א קליינע ראלע אין די פראיעקט."

**וואסערטאון מעיאר דזשעפ סמיט האט געזאגט,** "היינט איז נישט נאר וועגן איין פראיעקט; עס איז וועגן מערערע אינוועסטירונגען וואס בלאזן אריין א לעבהאפט אין אונזער דאונטאון. אינוועסטירונגען אזוי ווי די DRI און די נייע YMCA פראיעקט שטארקן די קאמיוניטי הארץ און סטימולירן נייע פראיעקטן אזוי ווי די ווידער דעוועלאפמענט פון די גלאוב געביידע. מיר טוען נישט נאר וואקסן, מיר שאפן א ווירבלדיגע צענטער וואס וועט מוטיגן מער אינוועסטירונגען אין אונזער סיטי. א דאנק, גאווערנער האקול, און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר אייער שותפות צו פארשטארקען דאונטאון וואסערטאון."

אין צוגאב צו די נייע YMCA אקוואטיקס צענטער, זענען צענדליגע סטעיט-געשטיצטע פראיעקטן אויפן וועגן אין דאונטאון וואסערטאון. G5 ריעל עסטעיט גרופע, LLC טוט אונטערנעמען א כמעט 3$ מיליאן פראיעקט צו איבערמאכן די צושטערטע און ליידיגע גלאוב געביידע צו א 11 מארקעט ראטע אפארטמענטס און 14,000 סקווער פיס פון קאמערשאל פלאץ. די פראיעקט, אנגערופן אלץ א "ספעציפישע ציל פאר ווידער דעוועלאפמענט" אין וואסערטאון'ס DRI סטראטעגישע פלאן, ווערט געשטיצט מיט 558,000$ אין DRI פינאנצירונג דורך ESD.

אנדערע פראיעקטן וואס זענען כמעט פארענדיגט נעמען אריין די דאונטאון סטריט סטריטסקעיפ ווידער דעוועלאפמענט פראיעקט, וועלכע איז געשאנקן געווארן א גרענט פון 1.5$ מיליאן אין DRI געלטער דורך די דעפארטמענט פון סטעיט; און די דזשעפערסאן קאמיוניטי קאלעדזש צענטער פאר ענטרעפרענארשיפ פראיעקט אין די געוועזענע סטרענד טיאטאר און לעימאן געביידעס אויף פרענקלין סטריט, געשטיצט מיט 2.5$ מיליאן אין DRI פינאנצירונג פון ESD. די ווידער דעוועלאפמענט פון 138, 152-154, און 170 קאורט סטריט, געשטיצט מיט א 990,000$ ריסטאר ניו יארק גרענט געשאנקן געווארן צו די סיטי פון וואסערטאון, איז יעצט פארענדיגט געווארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן